ראדאמער-קעלצער לעבן

GARBATKA
— w Willi p. —
**Sobienieckiego**
obok willi RÓŻ
otwiera 1 czerwca b. r.
L. ROZENBERGOWA
PENSJONAT
dla dzieci
i młodzieży.
Rutynowana freblanka.
Kuchnia zdrowa i rytualna.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ליבע טאָכטער
לאה׳טשע גראַדאָוושיק
מיט ה׳ ישראל גאָלדשטיין
ווינשען מיר פיעל גליק און צופרידענהייט.
עלטערן און פאמיליע.

לאה׳טשע גראַדאָוושיק ישראל גאָלדשטיין
פערלאבט
ראַדאָם דעם 14/5 1929

צום פערלאָבונג פון אונזער ליבען זוהן און ברודער
ישראל גאָלדשטיין
מיט זיין אויסדערוועהלטע לאה׳טשע גראַדאָוושיק
ווינשען מיר זיי אַ גליקליכען צוזאמענבונד
און עוויגע צופרידענהייט.
עלטערן חיים גאָלדשטיין עם פרוי און קינדער.

בברכת מז״ט חמה אנו מברכים את חברנו
מר ישראל גאלדשטיין
לאירוסיו את העלמה מרת לאה גראדאוושיק
תהי׳ דרכם צלחת בחיים ויבנו ביתם על הרי
יהודה וירושלים.
חיים בארנשטיין עם כלתו.

לרגלי האירוסין של חברנו
מר ישראל גאלדשטיין
עם בחירת לבו מרת
לאה גראדאוושיק
אנו מברכים אותם שיהי׳ דרכם צלחת וסוגה בשושנים
משה קליינמאן עם כלתו.

גליק און עוויגע צופרידענהייט ווינשען מיר
אונזער געטרייען שכן און חבר
מאיר ראָזענצווייג און פרוי
צו דער פערלאָבונג פון זייער ליבע טאָכטער
גאָלדע מיט ה׳ מרדכי ראָזענצוויי...
ישראל יצחק מאָנישעווסקי עם פרוי.




## דאנקזאגונג.

דער ראַט און פערוואַלטונג פון דער אידישער קהלה אין קעלץ דריקן אויס אַ הארציגען דאנק די הערן: הירשעל פרייס, אהרן יוסף מאַשקאָוויטש, יעקיל פרידמאַן און סענדער צוקערמאַן (אלע פון קעלץ) פאַר דעם הויז, וואָס זיי האָבען אוועקגעשאָנקען דער אידישער קהלה אויף אַ בית־המדרש, ישיבה „תורת־חסד" און אנדערע געזעלשאַפטליכע אנשטאַלטען. (ה׳ צוקערמאַן האָט זיין טהייל אוועקגעשענקט אויפ׳ן נאָמען פון זיין פערשטאָרבענעם פאָטער ר׳ חיים צוקערמאַן ז״ל.)

דער שענער טהאַט פון די דערמאָנטע מנדבים וועט פעראייביגט ווערען צווישען דער אידישער בעפעלקערונג אין קעלץ.

**דער ראַט און פערוואַלטונג פון דער אידישער קהלה אין קעלץ.**

Przefarbowane stare obuwie
**barwnikiem**
# SKINOL-FARBA
**w 54 kolorach**
niczem **nie różni się** od nowego obuwia gdyż po przefarbowaniu **Skinol-Farbą** jest trwała, farba nie ściera się, nie pęka i nie schodzi wskutek deszczu.
**ŻĄDAĆ WYRAŹNIE** SKINOL-FARBA **WSZĘDZIE.**
**Przetw. Chem.** „SKINOL" Warszawa Zielna 52.

אין געוואָרען ווייסען מיר גאָרנישט. איינס אָבער האָבען מיר יאָ געהערט, נגמלין: דער ה' מעצענאַס האָט זיך דערביי אויסגעדריקט, אַז פריהער וועט ער דאָרט בעגראָבען די יודען און אַלע דאַזאָרעס. דאָס אַלץ איז גענוג, דאַכט זיך, אַז מ'זאָל קאָנען מיט רעכט פרעגען, ווער פיהרט די קהלה, צי דער ראַט, וועלכער איז אָפיציעל געוועהלט און פעראַנטוואָרטליך פאַר דער שטאָדט, אָדער איין יחיד, וועלכער איז גענצליך פּראָגראַמלאָז, און וועלכער האָט נישט דעם מינדעסטען אינטערעס פאַר יודישע נאַציאָנאַלע און קולטורעלע בעדערפניסען? ווי לאַנג איז דער שיעור, אַז אַזעלכעס זאָל געדולדעט ווערען? וואָס פאַר אַ זין האָט עס אויסצושטעהן חרפות און בזיונות פון אַזעלכען, וואָס פיהלט נישט די פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר זיינע רייד און מעשים?

ס'איז באמת אַ פראַגע, פאַר וואָס דער ראַט, איבערהויפּט די ציוניסטישע, מזרחיסטישע און האַנדווערקער-פּרנסים, וועלכע האָבען לעצטענס אַרויסגעוויזען אַ פּאָזיטיווען ווילען צו שאַפען עפּעס וויכטיגעס, רעאַלעס פאַר דער שטאָדט — אַז זיי זאָלען זיך לאָזען מאַכען אַזוי ללעג ולקלס. אויף אַזאַ אופן וועט דאָך ענטשטעהן אַ חאָאָס. דער ראַט האָט איין בודזשעט, דער ה' כוליער מבלי מרש'ט אין נאָמען פון דער פערוואַלטונג האָט אַ צווייטען בודזשעט, איז וואָס פאַר אַ איינדרוק וועט עס מאַכען אין מיניסטעריום, ווען די ביידע ענטגעגענגעזעצטע בודזשעטען וועלען זיך דאָרט צונויפטרעפען?

האָט דאָך דער ראַט אויף איינער פון זיינער אַ זיצונג ערשט נישט לאַנג בעטראַכט אַ אינטערפּעלאַציע וועגען אויסדריקען אומצוטרוי די פערוואַלטונג. פאַר וואָס זשע ווערט דאָס נישט דורכגעפיהרט?

צי איז ראַדאָם שוין אינגאַנצען הפקר, אַז זי מוז זיין אויסגעשטעלט אויף אַלערליי בעליידיגונגען און קאָמפּראָמיטאַציעס?

ווי לאַנג איז באמת דער שיעור?

ב. צוויג.




פון 60 טעג זיך מעלדען און פאַרשטעלען דעם געריכט דאָס וועקסל. אויב קיינער מעלדעט זיך נישט אין די 60 טעג, גיט דאָס געריכט אַרויס אַ בעשטעטיגונג, לויט וועלכער דאָס פערלוירענע וועקסל איז אַנערקענט פאַר אונגילטיג. דאַגעגען, אויב עס מעלדעט זיך דער בעזיצער פון וועקסל, פאַר'ן אַרויסגעבען די דערמאָנטע בעשטעטיגונג, לייגט אָב דאָס געריכט די ווייטערדיגע פּראָצעדור פון פסל'ען די גילטיגקייט פון דעם וועקסל.

דער פערלירער פון וועקסל מוז דאַן אַרויסטרעטען מיט אַ פּראָצעס געגען בעזיצער פון וועקסל. דאָס געריכט האָט דאַן פעסטצושטעלען, ווער ס'איז דער איינענטימער פון וועקסל. אַלע, וועלכע זענען אונטערגעשריבען אויף אַזאַ וועקסל, בנוגע וועלכען ס'זענען שוין אונטערגענומען געוואָרען שריט אום צו מאַכען אונגילטיג, דאַרפען נישט צאָהלען קיין געלד. אויב זיי טוהען דאָס, מאַכען זיי עס אויף אייגענער ריזיקע, זיי מעגען נאָר די וועקסל-סומע אָבגעבען אין דעפּאָזיט דעם געריכט אין דעם אָרט, וואו דאָס וועקסל איז צאָהלבאַר.

## צי איז ראַדאָם הפקר?

(סוף פון זייט 2)

זיין פאַר די ציוניסטען און די רויטע פאַר די סאָציאַליסטען.

אָט מיט אַזעלכע ציניש און נידריגע אויסדריקען דריקט זיך עס אויס אַ וויצע-פּרעזעס פון אַ גמינע פערוואַלטונג און אויך דערצו אויפ'ן חשבון פון אַ יודישע פאָלקס-שולע. דער דאָזיגער לאַנד'ס-חכם האָט זיך ערלויבט צוגעהן איבער די קעפּ פון גאַנצען ראַט און כסדר געשטראָכען אַ גאַנצע רייהע פּאָזיציעס אין בודזשעט און ביי אַ טייל צוגעשריבען זיינע גאוניש הערות, אַזעלכע מינים „וואַטום-ספּעראַטום'ס".

דער דאָזיגער ה' מעצענאַס טאָרעס'ענס קאָנקורענט און דער צווייטער ענטדעקער פון אַ נייע רעאַליטעט-טעאָריע האָט זיך ערלויבט צו מעקען די איינשטימיג-אַנגענומענע פון ראַט סובסידיע פון 10.000 זל. אויפצובויען אויפ'ן בית-החיים אַ וואַרטע-זאַהל (פּאַטשעקאַלניע) וואָס איז אונבעדינגט נויטיג. ער האָט אויסגעשטראָכען די דורכ'ן ראַט אַנגענומענע סובסידיע פון 2000 זל. פאַר דער גמילת-חסד-קאַסע אויף דזשערשקאָווער גאַס, חוץ דעם אויך נאַציאָנאַלע סובסידיעס און אַנד.

יעצט נאָך אַ פאַקט, וואָס חאַראַקטעריזירט די „ריהמפולע" טהעטיגקייט פון דאָזיגען ה' מעצענאַס.

רא ערשט נישט לאַנג האָט זיך צו דער גמינע געווענדעט אַ קריסט, וועמענס ערד-באָדען גרענעצט זיך מיט'ן בית החיים און פאָרגעלעגט דער גמינע צו קויפען ביי איהם 5 מאָרגעס פעלד. וואָס פון די אונטערהאַנדלונגען

# אַ בעזוך

## אין ראַדאָמער „בית-יתומים"

ווי מיר האָבען מיטגעטיילט אין פאַריגען נומער פון אונזער צייטונג האָט אונזער רעדאַקציע, אויף דער איינלאַדונג פון דער פאַרזיצענדערין פון בית-יתומים-קאָמיטעט, ד"ר פרוי מוליער, געמאַכט אַ בעזוך אין דער דאָזיגער היגער אינסטיטוציע.

דער אַנשטאַלט געפינט זיך בערך אַ קילאָמעטער ווייט פון דער שטאָדט, אויפ'ן וואַרשאַווער וועג. די געביידע שטעהט אַריינגערוקט אויפ'ן פעלד עטליכע צעהנדליגע מעטער פון שאָסע און מיט איהר רחבות און קאָלאָסאַלען פּערנעם זעהט זי זיך אַרויס אויף אַ ווייטע שטרעקע. יעדער דורכגעהער, אָדער דורכרייזענדער מוז ווענדען זיין אויפמערקזאַמקייט אויף דער דאָזיגער פּרעכטיגער געביידע, וואָס מאַכט אויסערליך דעם איינדרוק פון אַ פּאַלאַץ פון אַ רייכען גוט-בעזיצער, צו וועמענס בעזיץ עס געהערט די גאַנצע אַרומיגע לאַנדשאַפט.

דער פּלאַץ, וואו דער בנין איז אויסגעבויט הייסט אָבאָזשיסקאָ (פריהער אַלטע [illegible]) וואָס לויט זיין פּרימיטיווען אויסזעהן מיט די קליינע נידריגע הייזלעך, וואָס זענען דאָרט צעשיט און צוואָרפען אין אַ קליינער צאָהל, איז עס ענליך צו אַ קליין דערפעל. די געגענד איז [illegible] פון עטליכע צעהנדליג פאַמיליעס, צווישען זיי זעהר ווייניג יודען.

דער ריזיגער, פּראַכטפולער בנין איז אויפגעשטעלט געוואָרען פון דעם זיינער צייט בעריהמטען נדבן און פילאַנטראָפּ ר' ראובן בעקערמאַן ז"ל, אַ שטיק פאַר דער מלחמה. דער דאָזיגער געשאַנק שטעהט ווי אַן אייביגער מאָנומענט, וואָס דערמאָנט אָן דער הערליכער עפּאָכע פון דער איידעלער אַריסטאָקראַטיש-פּאַטריאַרכאַלישער משפחה בעקערמאַן, וואָס האָט פיעל גוטעס געטוהן דער שטאָדט, אויף וועמענ'ס איז געזאָגט געוואָרען ביתה היתה פתוחה לרוחה און וואו אַלע געליטענע און ליידענדע האָבען געפונען שוץ, טרייסט און הילף.

דאָס בית-יתומים-הויז, וואָס ר' ראובן בעקערמאַן ז"ל האָט איבערגעלאָזט אַ מתנה דער שטאָדט, קאָן דיענען אַלס מוסטערהאַפטער ביישפיעל פאַר אַלע שטעדט אין פּוילען. אין קיין שום שטאָדט איז נאָך אַזאַ ריזען בנין פאַר יודישע יתומים נישט אויפגעשטעלט געוואָרען. די איינריכטונג איז גלענצענד אוועקגעשטעלט. דער בנין ענטהאַלט 17 הערליכע געראַמע צימערן אַזוי ווי סאַלאָנען. חוץ דעם געפינט זיך דאָרט אַ הערליכע שוהל, וואָס האָט אַ שטאָק הויך. אַזאַ שוהל

## פון „טאז” יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג

דעם 11 מאי ה. י. איז אין לאקאל פון „טאז” פארגעקומען די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון די מיט-גלידער.

אין דער פערוואלטונג און אין דער רעוויזיאנס-קאמיסיע זענען געוועהלט געווארען די ביז-איצטיגע מיטגלידער.

אלס דעלעגאט אויף דעם ערשטען לאנדעס-צוזאמענפאהר פון „טאז” אין ווארשא איז אויסגעוועהלט געווארען ה' ד"ר פאמראק.

* * *

זומער-קאלאניעס אין גארבאטקא

ביז דעם 1-טען יוני (טשערחייגן) ה. י. וועלען פארקומען אין ביורא פון „טאז” (דלוגא 24) פון 11 ביז 1 נ. מ. די איינשרייבונגען פון קינדער אויף די זומער-קאלאניעס אין גארבאטקא.

נאך דעם טערמין וועלען קיין איינשרייבונגען מעהר נישט פארקומען, צוליעב די בעגרעניצטע צאהל ערטער.


Od wielu lat już istniejące

**Biuro Próśb** TŁOMACZEŃ — I — PRZEPISYWAŃ

p. f. „PROLITEX”

RADOM, WAŁOWA 5, oficyna I-e piętro.

USKUTECZNIA

**Podania, skargi, opozycje, apelacje w sprawach cywilnych, karnych,** wojskowych i paszportowych oraz **rekursy do wszystkich urzędów państwowych i administracyjnych**

**KORESPONDENCJA HANDLOWA**

umowy i punkt. przedrejentalne


## פאהז=רינג

**אונטער'ן פראטעקטאראט פון דער ארגאניזיר-קאמיסיע ביים האנדווערקער-קלוב אין ראדאם.**

נ. לעווין ענטפערט דעם ה' קאפ-לאר מיט 10 זל. און רופט ארויס: הרב יחיאל קעסטענבערג, דוד בלאט-מאן—סקארישעווסקא 24, אברהם ווייג-טראוב—וואלאווע 3, פסח פרידמאן—קאסירער, זעליג פינקעלשטיין—בוכ-האלטער, מאיר פינקעלשטיין—קאשא-ראווע 4, יעקל לעבמאן—פיאסקי 29, לייזער דערש — קאזיעניעצקא 16, רפאל מאנדעלזאן — פיאסקי 10, משה יאבלאנקע — נייע וועלט 22.

יש. פעלדמאן ענטפערט דעם ה' איידעלבוים מיט 10 זל. און רופט ארויס די ח"ה: עליאש בלאטמאן — גאוואגראדזקע 8, אלי' גלאזמאן — וואנזקע 5, בר. פשיטיצקי — יזיטאל-דא 7-9, יש. גוטמאן—רינעק 9.

יעקב העלצמאן ענטפערט דעם ה' קאטליאר מיט 10 זל. און רופט ארויס די ח"ה: יעקב ווייגארט — דלוגא 1, וועלוויל בוימאן — לובלינער 25, יוגת רוטמאן — רווינסקע גום. 21, יואל גאלדפארב — וואלאווע נום. 2, מתית זילבערבערג — פיאסקי 29,

משה ראזענבוים ענטפערט דעם ה' איידעלבוים מיט 10 זל. און רופט ארויס: משה קליין — לובלינער 26, אייזיק זימלער — וויפאקא נום. 39,

לייבוש שטיינבאך — לובלינער 26, פריזירער ראזענבערג—פילסודסקי 11, זינדל ראזיצקי — לובלינער נום. 15, יעקב האלץ — לובלינער נום. 21, ירמיה גאלדשטיין — לובלינער 24, מרדכי פאהלאוויטש — לובלינער 21.

שלמה ראזענבערג ענטפערט דעם ה' איידעלבוים מיט 10 זל. און רופט ארויס. איזאק וואלאנאווסקי—לובלי-נער 27, ש. א. מילגראם-לובלינער 27, וועלוויל רויזענבערג — „ 34, יש. זיידמאן — „ 21, מאקס בוימייסטער — „ 11, י. ד. סטראוואצינסקי — „ 24, אבא האך — „ 3, ה' גוטמאן פירמא „אמעריקאן” לוב. 5 ש. ווינשטאק — וויטאלדא נום. 8, צאלקע בלייוואס — רווינסקע 16.

ה' מאגנישעווסקי ענטפערט דעם ה' איידעלבוים מיט 10 זל. און רופט ארויס די ח"ה: יחיאל גאלדבערג — רווינסקע 4, מאטיל אפאטאווסקי — לובל, 9, ברוך ניימאן-רווינסקי 16, ברוך ראזענצווייג—סט. קראקאווסקי 5, פסח פוקס — פאטצעראווע נום. 16, יעקב קינצלער — לובלינער נום. 12, חיים גאלדבערג — וואלאווע נום. 31, מנשה בלייוואס — שווארליקאווסקי 6, יעקב גרושקעוויטש — רווינסקי 11, מאיר ראזענצווייג — לובלינער 14.

## ארקעסטער=רינג

### פון „ברית-טרומפעלדאר”

אונטער'ן פראטעקטאראט פון די ה"ה:

**דיר. אינוש. רוסאק, י. פרענקעל, י. לעשטש.**

דיר. דוד פרענקעל ענטפערט מיט 5 זל. רופט ארויס: גבריאל זיגמאן — לובל. 18, פלטיאל מושקטבליטה — דלוגא 13, יעקב קליינמאן-וואל 16, יעקב באקמאן—פאריאזדאווע.

מרדכי ווייסעלפיש ענטפערט מיט 5 זל.

יעקב זילבערשטיין ענטפערט מיט 5 זל. רופט ארויס: ל. דאנציגער — לובל. 27.

נתן רובינשטיין — גיטערסקא נ. 80 ענטפערט מיט 5 זל.

ישראל גאלדבערג ענטפערט מיט 5 זל. רופט ארויס: פעלא קליימאן — לובל. 26, ליובא ראזענבוים—לוב. 26, שלמה הימעלפארב-לובל. 26, מ. וייל —פיאסקי. ז. ראזענצווייג-פיאסקי 29, אלי' בלאטמאן — גאוואגראדזקא 20, דוד סטאל — רינעק 11, מאניעק וואקסבערג - לובל. 12.

אברהם מאנדעלקארן ענטפערט מיט 3 זל. רופט ארויס: זעליג אייכענבוים —קילינסקי 13, שמואל קעסטענבערג— לובל. 22.

אפרים פרזשעדנאוועק ענטפערט 5 זל. רופט ארויס: מאיר הורוויץ - לובל. 34, גיטמאן ראקאש-לובל. 9.

יוסף אקערמאן ענטפערט מיט 3 זל.

רופט ארויס: יצחק מאלבע לובל. 25 מאיר קירשענבלאט — פל. יאגיעל. 1. משה בארענשטיין - קאזיעניעצקא 12 מאקס נארדהיינר — שערצקא נ. 16, משה יעקב פרידמאן — רינעק 11, זעליג גאלדבערג — פארוואלני נ. 5, משה גאלדבערג - פארוואלני נ. 5.

חיים צוקער ענטפערט מיט 5 זל. רופט ארויס: פ. גיסטער—זגארגא 8 יעקב יאמעס - לובל. 30, מ. יאפע - רינעק 9, טענענבוים—רווינסקא 16, צוקער—לובל. 11, פרזשעמיסלאוו — פל. יאגיעל. 5.

שמואל גארפינקעל ענטפערט מיט 2 זל. רופט ארויס: משה ווייכמאן - סקארש. 6. שלמה דאנציגער - סקא-רישעווסקא 25, בערנארד שאבעסזאהן - קאזיעניץ, יוסף הענדעל - פל. יא גיעל. 1, שמואל הורוויץ - סקארש. 25 נעניא לעווענטאל - סקארשעווסקא 45 לאלא ראזענבערג - קילינסקי 1.

מאיר האנצבערג ענטפערט מיט 2 זל. רופט ארויס: מיכאל קריגער - לובל. 34. איניעק גראסמאן, לוב. 23. דניאל ליכטצינדלער — לובלינער 25, סאלא רייכנאדעל — נאוואגר. 23, איטקע גאלדבערג — רינעק נום. 17, ישראל דיאמענט — לובלינער נ. 25. בערנארד ראטשטיין — לובל. 25.


**Na okres wiosenny.**

SKŁAD APTECZNY

# F. Łagodzińskiego

w RADOMIU, Pl. 3-go Maja Nr. 1.

P O L E C A:

Płyny do barwienia i odnawiania obuwia w 50-ciu kolorach

Karbolineum

Naftalina

Terpetyna

Zioła przeciw molom

Nasiona kwiatowe.



## פון סוחרים-פעראיין

לעצטענס זענען די ראַדאָמער סוחרים-קרייזן אויפגעטרעטן געוואָרן אויף א נייעם קויף-סיסטעם, וואָס ברענגט אונטער דעם קרעדיט און דעם עגזיסטענץ פון לאַנג-יעהריגע, איינגעפונדעוועטע האַנדעלס-פירמעס. ס'איז נעמליך פאַסטגעשטעלט געוואָרן, אַז ס'נעמינען זיך א נייער מין קונים, וואָס אויסנוצענדיג די אומגעמעלע לאַגע אין יעצטיגען עולם המסחר, קומען זיי אין פערש דענע געשעפטען, שטעלען פאַר מכלומרשט זייערע פערזענליכע לעגיטימאַציעס און ווען זיי ציהען אַן א געוויסען קרעדיט, געהען זיי מיט די איינגעקויפטע זאַכען אויף די מערק-פלעצער, אָדער וואו אנדערש און זיי פערקויפען פאַר האַלב געלד.

פערשטעהט זיך, אַז דאָס ווערט געטוהן מיט דער אויסרעכנונג, וואָס די דאָזיגע נייע קונים קויפען באַלד לכתחילה אויף נישט צו בעצאַהלען, און אויף אַזאַ אופן פערקויפען זיי די זאַכען אויף כולו ריוח. וואָרום וויפיעל זיי נעמען, גייט זיין העלפט געלד, בלייבט עס ז ערס.

דעם דאָזיגען אָריגינעלען „מסחר“ האָט דער סוחרים פעראיין ערקלערט א קאַמפּף, כדי אָבצוהיטען די סאָלידע פירמעס, נישט צו לאָזען זיי פאַלען קרבנות צוליב זייער אויסנעהמונגערטקייט נאָך לייזונג.

היינטיגען מאָנטאג איז אין תיגען יודישען סוחרים פעראיין אָבגעהאַלטען געוואָרן א חבר'ישע פערזאַמלונג מיטן אנטייל פון פערבעטענע געסט פון די פוילישע סוחרים. אין די פערזאַגען פון די ה"ה: רעמיאַלאָווסקי, מיעטשניקאָווסקי און פיורא.

די פערזאַמלונג האָט זיך בעראַטען דעזגען אָננעמען פעראַיטונגס-מיטלען צו בעשיצען דעם קרעדיט און גלייכצייטיג צו בעקעמפען די טענדענצען פון בייזוויליגע קויפער'ס, וועלכע מיסברויכען מיט זייערע קניות.

די געסט פון פוילישען סוחרים-פעראיין האָט וואַרים בעגריסט דער פערוואַלטונגס-מיטגליד ה' אברהם פינקעלשטיין.

ס'איז בעשלאָסען געוואָרן צו שאַפען א בשותפות'דיגען קאָמיטעט פון יודישען און פוילישען סוחרים-פעראיין, וועלכער אויסגאַבע ס'וועט זיין אויסצואַרבייטען כללים, לויט וועלכע די סוחרים דאַרפען זיך האַלטען און ווי אַזוי זיי דאַרפען זיך אויפפיהרען אין אַזעלכע פאַלען.


טויזענדער פאַמיליעס
האָבען שוין פערזיכערט
דעם עגזיסטענץ
Kursy Samochodowe
**PRYLIŃSKIEGO**
**Warszawa Al. Jerozolimskie 27**
שוץ און וואָהנונג פאַר צוגערייזטע.
די גרעסטע שול-וואַרשטאַטען.


## קאָמוניקאַט
### פון „מזרחי“ און „צעירי-מזרחי“
— אין ראַדאָם. —

שבת דעם ערשטען טאָג חוהמ"פ (27/4) איז אין אייגענעם לאָקאַל פאַרגעקומען די יעהרליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון די מיטגלידער פון „צעירי מזרחי“, אויף וועלכער ס'איז געוועהלט געוואָרן א פערוואַלטונג פון 6 חברים.

באַלד נאָך דער פערזאַמלונג האָט זיך די פערוואַלטונג קאָנסטיטואירט אויפ'ן פאָלגענדען אופן: פאָרזיצענדער-ה' ב"ן, סעקרעטאַר-ה' ישראל גרינץ, געהילף-סעקרעטאַר—ה' יעקב קאַרמאַן. אַלס שקל-קאַסירער איז בעשטימט געוואָרן ה' ב"ן.

* * *

די ביבליאָטעק ביים „צעירי-מזרחי“ איז לעצטענס בערייכערט געוואָרען מיט א גרויסען אויסוואַהל העברעאישע און יודישע ביכער, אָריגינעלע, ווי אויך איבערזעצונגען פון די נייעסטע שאַפונגען.

די ביבליאָטעק איז אָפען: זונטאָג, דינסטאָג און דאָנערשטאָג פון 7 ביז 9 אָוו.

דער חודש-אָבצאָהל נור 50 גר.

* * *

די ביבליאָטעק אָרדענט אויך איין א לאָטעריע צו געווינען א רייהע חעכסט-נוצליכע און ווערטפולע ביכער.

די ציהונג קומט פאַר דעם קומענדען ל"ג בעומר (5|28).

דער פרייז פון א בילעט 50 גר.

די בילעטען צו בעקומען אין סעקרעטאַריאַט פון „צעירי-מזרחי“ (רינגעלבלום 11) פון 8 ביז 10 אָוונד.

ח ד ש י.


די שענסטע
**טאַפּעטען**
צו זעהר ביליגע פרייזען
קען מען נור בעקומען
אין דער לאַנג-יעהריגע פירמע
**ש. שטיינמאַן**
— ראַדאָם —
לובליגער 21.




## מודעה.

מיר מלמדים פון די ראַדאָמער ת"ת הכללית מאַכען בעקאַנט דעם ראַדאָמער יודישען פובליקום, אַז אַזוי ווי עס איז שוין די זיבעטע וואָך, וואָס מיר בעקומען נישט אויסגעצאָהלט אונזער לוין, האָבען מיר שוין נישט די מעגליכקייט ווייטער צו לערנען מיט די קינדער, וואָרום „אם אין קמח אין תורה“. אַלזאָ אויב מיר וועלען נישט בעקומען אויסגעצאָהלט אונזער לוין ביז יום ה' פרשת בחקותי, וועלען מיר זיין געצווינגען נישט צו שטעלען זיך צו די למודים.

מיט אכטונג
**די מלמדים פון דער ת"ת אין ראַדאָם.**


**יונגלעך זענען נויטיג**
**צוצוטראָגען צייטונגען**
אין רעדאַקציע פון „ראַדאָמער-קעלצער לעבען“.


## OBWIESZCZENIE.

Podajemy do wiadomości P. P. Właścicielom realności, że dotychczas żaden z instalatorów wodoc. kanal. w Radomiu nie posiada koncesji na wykonywanie powyższych robót; może jedynie wykonywać roboty instalacyjne za każdorazowem zezwoleniem Wydziału Wodociągów i kanalizacji m. Radomia.

W interesie własnym P. P. Właścicieli realności leży, by—przed oddaniem robót prywatnemu instalatorowi—udawali się, celem zasięgnięcia szczegółowych informacyj, do naszego Biura (ul. Basenowa Nr. 16, róg Spacerowej).

Radom, dnia 18/IV 1929 r.

**Wydział Wodociągów Miejskich**


# Zakład Ogrodniczy Miejski

poleca po cenach przystępnych FLANCE KWIATOWE i WARZYWNE, podejmuje się zakładania ogródków, upiększania kwiatami balkonów i t. p.

Zgłoszenia - bezpośrednio do ZAKŁADU przy ul. 1 MAJA, lub do wydziału Gospodarczego Magistratu m. Radomia, ul. Basenowa Nr. 20, telefon Nr. 562.

| Kino „ODEON“ Teatr | Kino „CORSO“ Teatr | Kino „Nowe Czary“ Teatr |
| --- | --- | --- |
| **Od 21 MAJA i dni następ.**<br>świetny film sezonu<br>**ZDRADA**<br>(Lekka Kawalerja)<br>Nad program! Nad program!<br>*Tragedja łodzi podwodnej* | Od 21 maja i dni następ.<br>**PRZED BITWĄ**<br>w roli głównej NINA VANNA<br>**Księżniczka Edyta**<br>**z LNIZĄ LE GRAND**<br>*Anons!* 1) Siódmy cód świata 2) Sfałszowane miljardy | פון דינסטאַג דעם 21 ד. מ. און ווייטער<br>**Wielki film wschodni p. t.**<br>**Symfonja Pepetyczne**<br>*(Zoria, córka Szeika)*<br>Frywolna komedja p. t.<br>**Sportowiec z miłości** |

